STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01403

EMANUEL RINGELBLUM

Jacob Kenner

Permanent preservation of this book was made possible
by Rena Costa

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמנואל רינגעלבלום

אַ העלד אין לעגיאָן

פון די גבורי ישראל אין געטאָ

צווייטע אויפלאַגע

,,נייוועלט"

1948 מינכען

Special issue to „NAJ WELT" Jewish Magazine
Resp. Editor D. Jakubowicz
Authorized by M. G. Headquarters European
Command Civil Affairs Division
14 May 1947 APO 757 AG 383. 7 GEC AGO

דר. עמנואל רינגעלבלום מיט זיין 10־יאָריגן זון

הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע

גרויס איז דער צעטל קדושים פון די געטאָס.

עס טײלן זיך אויס פון דעם צעטל נעמען פון העלדן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן קאַמף קעגן בלוטיקן שונא און זענען געפאַלן מיט געווער אין האַנט, נעמען פון קדושים, וואָס האָבן מיט נישט וויניקער העלדישער טאָג-טעגלעכער אַרבעט גײסטיק באַשײנט דאָס פינסטערע לעבן אין די געטאָס, געוועקט און דערמוטיקט די דערשלאָגענע, צוגעגרייט דעם קאַמף און מיט טיפער איבערגעגעבנהייט געזאַמלט בלעטלעך פון דעם בלוטיקסטן קאַפּיטל יידישע געשיכטע, אַז זיי זאָלן עדות זאָגן פאַר קומענדיקע דורות.

די פאַקטן, מאַטעריאַלן און געשיכטעס פון די קדושים אין די געטאָס מוזן געזאַמלט ווערן ניט נאָר צוליב דער גרויסקייט, דערהויבנקייט און הייליקייט, וואָס איז אין זיי, נאָר אויך כדי קינדס-קינדער זאָלן וויסן וועגן דעם, כדי קומענדיקע דורות זאָלן פון זיי לערנען און געשטאַרקט ווערן. דאָס וועלן זײן די געשיכטעס ניט בלויז פון די נײַע עשרה הרוגי מלכות, נאָר פון די הונדערטער און טויזנטער, פון די צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די גרעסטע נסיונות, געפירט די ביטערסטע קאַמפן און אַוועקגעגעבן זייערע נשמות. דער אידישער אַרבעטער-קאָמיטעט וועט טאָן אַלץ, וואָס עס וועט נאָר זײַן אין זײַנע מעגלעכקייטן, כדי צו ברענגען צו דער עפנטלעכקייט די געשיכטעס, מאַטעריאַלן און פאַקטן פון די לײַדן און קאַמפן אין די געטאָס, די געשיכטעס פון די מענטשן, וואָס האָבן געשריבן הייליקע בלעטער פון דער נײַער אידישער געשיכטע.

אונזער איצטיקע שריפט איז וועגן דר. **עמנואל רינגעלבלום.** מיר האָבן באַקומען אין פאַרלויף פון די יאָרן, ווען פּוילן איז געווען פאַרנומען דורך די נאַציס, באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון עמנואל רינגעלבלום. מיר זײַנען געווען שטאָלץ צו הערן וועגן זײַן קידוש השם. אַ לעגיאָן פון גבורי ישראל האָט געלעבט און געקעמפט אין די געטאָס. עמנואל רינגעלבלום איז געווען איינער פון די העלדן אין דעם וואונדערלעכסטן לעגיאָן.

די גאַנצע אידישע וועלט איז איבערראַשט און פאַרגאַפט געוואָרן ווען עס איז געקומען דער היסטאָרישער באַריכט פון עמנואל רינגעל-

בלום וועגן דער קולטור-טעטיקייט אין די געטאָס, וועגן אידישע שולן אין חושך פון די געטאָס, וועגן די לידער פון „נאַכטיגאַלן פון די געטאָס", וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין דער תקופה פון די טרעב-לינקעס און מאַידאַנעקס.

מיר האָבן געלייענט אין זיין באריכט וועגן דער העראָאישער טעטיקייט פון די אידישע לערער אין פּוילן. די אידישע פאָלקסשול-לערער, וואס האָבן אין לויף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה געלייגט די פונדאמענטן פון דער אידישער פרייהייטלעכער שול אין פּוילן, וועלכע האָבן אין פארלויף פון א קנאפּן פערטל יאָרהונדערט געבויט אַ נעץ פון אידישע שולן און דערציאונגס-אנשטאלטן — די לערער זיינען געוועזן אין די יאָרן פון נאַציישן מאָרד און גרויל די וועכטער פון אי-דישן קינד, די איינהיטער פון דער אידישער קולטור און פון אידישן גייסט.

עמנואל רינגעלבלום איז געוועזן איינער פון די ערשטע און איינער פון די וויכטיקסטע אויף דעם פעלד. מען האָט ניט געקאָנט אין די געטאָס אָפּטיילן קאַמף פון הילף; אַ קיך פאַר הונגעריקע — פון אַ דער-ציאונגס-ווינקל פאַר קינדער; אַ געהיימע קאַמף-צייטונג — פון זאַמלען מאַטעריאַלן פון אידישן פּיין און אידישער גבורה פאַר די קומענדיקע דורות. עמנואל רינגעלבלום איז געוועזן איינער פון די, וואס זיינען געוועזן מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן און פאַרטאָן אויפן פעלד פון הילף, רעטונג, קאַמף, אין דער געטאָ פון ווארשע.

איינער פון די נאָענטסטע און אינטימסטע פריינט פון עמנואל רינגעלבלום, זיין יוגנט-חבר און אידייען-ברודער, פריינט י. קענער, האָט אָנגעשריבן אין קורצן די לעבנסגעשיכטע פון עמנואל רינגעל-בלום. מיר גיבן זי דאָ איבער צו די לעזער.

מיר גיבן אויך איבער דעם באריכט וועגן דער אידישער קולטור-אַרבעט אין די געטאָס, וועלכן עמנואל רינגעלבלום האָט אָנגעשריבן, צוזאַמען מיט איניקע מיטאַרבעטער, מיט אַ וואָך פריער, איידער די דייטשן האָבן אים אומגעבראַכט.

אידישער אַרבעטער קאָמיטעט

דר. עמנואל רינגעלבלום

דער יידיש-פוילישער היסטאָריקער, געזעלשאַפטלעכער עסקן, פּראָמינענטער קולטור-טוער און אונטערערדישער קעמפער

פון יעקב קענער

---

1. עמנואל רינגעלבלומס קינדער- און יוגנט-יאָרן

דר. עמנואל רינגעלבלום, וואס איז דעם 7-טן מערץ 1944, דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן אויף די חורבות פון דער וואַרשעווער געטאָ, איז אינם יאָר 1900 געבוירן געוואָרן אין בוטשאַטש (יידיש: בּיטשוטש),* מזרח-גאַליציען — א שטאָט מיט א געדיכטער יידישער באַפעלקערונג.

אויב די סביבה אין וועלכער מענטשן ווערן געבוירן און דערצויגן, האָבן אמאָל א קענטיקע השפעה אויף דער גייסטיקער אנטוויקלונג און אויף דער מענטאַליטעט פון פּערזענלעכקייטן, איז עס אויך בלי-ספק חל אויף דעם יונגען עמנואל רינגעלבלום, וואס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אלס אַן ענטו-זיאַסטישער קולטור-טוער, אלס א פלאַמיקער געזעלשאַפטלעכער עסקן און אלס א באַרימטער היסטאָריקער פונם פוילישן יידנטום.

דאָס יידישע לעבן אינם מזרחדיקן טייל פון גאַליציען (קליין-פּוילן), האָט זיך אָפּט, אין א טייל הינזיכטן מיט „עפּעס" אונטערשיידעט פונם לעבן אינם מערב'דיקן טייל. פון די 800,000 יידן וואס האָבן צום אָנהויב פונם 20-טן יאָרהונדערט געלעבט אין גאַנץ גאַליציען, וואס האָט זיך זייט דער צעטיילונג פון פּוילן אינם יאָר 1772, געפונען אונטער דער עסטרייכישער הערשאַפט, האָבן 600,000 געלעבט אינם מזרחדיקן טייל. די צענדליקער גרעסערע שטעט און די הונדערטער קליינע שטעטלעך האָבן דאָרט פאַרמאָגט א געדיכטע יידישע באַפעלקערונג. עס האָט דאָרט, אין אלע צייטן, גע-ברויזט מיט א קאָכעדיקן און איינגאַרטיקן יידישן לעבן. מזרח-גאַליציע איז געווען דאָס וויגעלע פון דער מעכטיקער פאָלקס-באַוועגונג אינם יידישן לעבן,* וואס איז באַקאַנט אלס דער חסידיזם. דער פּאָדאָליער ווינקל פון מזרח-גאַליציע, וואו עס געפינט זיך בוטשאַטש, האָט אינם 19-טן יאָרהונ-דערט געשמט מיט דער באַרימטער השכלה-באַוועגונג. צוזאַמען מיט טאַר-

נאַפּאָל און בראָדי, איז בוטשאַטש געווען איינע פון די באַדייטנדסטע השכלה-פעסטונגען. בוטשאַטש האָט שוין אין דער צווייטער העלפט פונם 19-טן יאָרהונדערט ארויסגעגעבן העברעאישע שריפטשטעלער, סאָציאַליס-טישע קעמפער און אפילו אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער. אין בוטשאַטש האָבן שוין אין יענע יאָרן עקזיסטירט האַלב-מאָדערנע חדרים, וואו מ׳האָט מיט די קינדער געלערנט אויסשליסלעך תנ״ך — אין קעגנזאַץ צו די חסידישע חדרים, וואו תנ״ך איז שיעור-נישט באַטראַכט געוואָרן ווי טריף-פּסול און מען האָט די קינדער געלערנט בלויז גמרא. אין בוטשאַטש האָבן שוין אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט עקזיסטירט מלוכה׳שע גימ-נאַזיעס, אין וועלכע אַסך יידישע עלטערן האָבן געשיקט זייערע קינדער לערנען לימודי-חול, און אין די נאָכמיטאָג-שעה׳ן האָבן דיזעלבע קינדער געלערנט אין די חדרים אַ קאַפּיטל ישעיהו, אָדער משלי.

בוטשאַטש איז געווען איינע פון די ווינציקע שטעט אין מזרח-גאַלי-ציען, וואס האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם „רבי׳שן הויף". דערפאַר האָט אָבער דאָרט עקזיסטירט אַ יידישע באַראָן-הירש-שולע, וועלכע פלעגט אירע געענדיקטע שילער שיקן אויף איר חשבון קיין ווין לערנען אַ מלאכה. אַסך פון זיי פלעגן דערנאָך צוריקקומען אהיים און זיך עפענען וואַרשטאַטן. איז טאַקע בוטשאַטש געווען איינע פון די ערשטע שטעט אין מזרח-גאַליציע, וואָס האָט צוזאַמען מיט קאָלאָמיי און לעמבערג, נאָך אין די 90-ער יאָרן פונם 19-טן יאָרהונדערט, שוין געהאַט אַן אָרטיקע אַרבעטער-באַוועגונג.

דער גאַליציש-פּאָדאָליער ווינקל איז געווען דער תבואה-שפּייכלער פונם אמאָליקן עסטרייך. יעדע שטאָט אין מזרח-גאַליציע האָט געהאַט צענדליגער תבואה-שפּייכלערס, וואס האָבן געהערט צו יידן. די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן טאָג-טעגלעך ברענגען אויף זייערע פורלעך דעם קאָרן און ווייץ, די הירזש און די קוקורודזע, דעם פלאַקס און די פּראַסע, צו די יידישע סוחרים, וועלכע פלעגן דערנאָך די סחורות וואַגאָנען-ווייז עקספּאָרטירן קיין מערב-עסטרייך און קיין דייטשלאַנד. אַזאַ תבואה-סוחר איז אויך געווען עמנואל רינגעלבלומס פאָטער, וועלכער איז אָבער געווען נישט בלויז אַ סוחר, נאָר אויך אַ ייד, אַ יודע-ספר, אַ משכיל, און ער האָט אַלע זיינע יאָרן געשטרעבט דערצו, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין „געבילדעטע יידן". כדי דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן האָט ער אַלע זיינע קינדער — ובתוכם אויך עמנואלן — געשיקט סיי אין גימנאַזיע, סיי אין חדר, וואו ער האָט פאַרמיטאָג געלערנט לאַטיין און גריכיש — אויף פּויליש, און נאָכ-מיטאָג — תנ״ך אויף יידיש.

אַזוי איז זיך דאָס לעבן געלאָפן מיט דער שטעטלדיקער רואיקייט און

מיט דער עסטרייכישער געמיטלעכקייט ביזן יאָר 1914, ווען עס איז אויסגע־בראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט דאָס אַלטע איינגעפונדעוועטע יידישע לעבן שטאַרק אויפגעטרייסלט. רינגעלבלומס עלטערן האָבן געמוזט איבערלאָזן זייער ביסל האָב־און־גוטס אויף הפקר און זיי האָבן צוזאַמען מיט די קינדער „געפליכטעט" קיין נייסאַנדז (נאָווי־סאָנטש), וואָס ליגט צופוסנס פון די מערב־גאַליצישע בעסקידן־בערג.

אין נייסאַנדז, וואָס איז זינט יאָרן געווען אַ חסידישער צענטער, האָט דער 14־יאָריקער עמנואל רינגעלבלום, אָנגעטראָפן אויף אַ גאָר־נייער אַט־מאָספערע. די גרויסע מערהייט פון דער יידישער יוגנט — אַ חסידישע; קלויז־בחורים, מיט אַן איינגענער חסידישער הלבשה, מיט אַן אייגנאַרטיקער מענטאַליטעט אינם לעבן, וואָס מ'האָט אין בוטשאַטש גאָרנישט געזען און אַ קליינע צאָל פון דער יוגנט, — די גימנאַזיסטן — שוין אַ שפּראַכלעך אַסימילירטע, וואָס רעדט שוין צווישן זיך, ובפרט אין גאַס, בלויז פּויליש. רינגעלבלום האָט אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך פון בוטשאַטש די געוואוינהייט און די ליבע צו רעדן אומעטום יידיש און צו חברן זיך נישט מיט די גבירישע קינדער, נאָר מיט דער פאָלקס־יוגנט און נישט־אָפּגעבנדיק־זיך אפילו קיין דין־וחשבון, אַז ער דערפילט דערמיט אַ געוויסע שליחות בנוגע דער יידישער שפּראַך און קולטור, ווערט ער אַלס 16־17 יאָריקער יינגל דער קעמפער פאַר יידיש אין די רייען פון דער גימנאַזיסטישער יוגנט אין נייסאַנדז.

אינם יאָר 1918, ווען אין נייסאַנדז, וואָס איז שוין געוואָרן דער שטענדיקער וואוינאָרט פון דער משפחה רינגעלבלום, גרינדעט־זיך אַ זעלבסט־בילדונגס־קרייז פון גימנאַזיע־שילער אויפן נאָמען פונם ערשט־גישט לאַנג אין קיעוו פאַרשטאָרבענעם פּועלי־ציון־פירער בער באָראָכאָוו, ווערט דער יונגער רינגעלבלום איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער אין דעם דאָזיקן קרייז. אים האָט אָבער נישט באַפרידיקט דער לכתחילה'דיקער כאַראַקטער פונם קרייז, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט דער ווי־טערדיקער בילדונג פון זיינע מיטגלידער, אויף די געביטן פון יידישער גע־שיכטע און יידישער עקאָנאָמיק. ער האָלט, אַז ס'איז דער חוב פון דער „אויסדערוויילטער" שטודירנדער יוגנט צו אָרגאַניזירן בילדונגס־קורסן פאַר דער אַרבעטנדער און פאַר דער חסידישער יוגנט און אויף זיין איניציאַטיוו אַנטוויקלט דער באָראָכאָוו־שילער־קרייז אין נייסאַנדז, אַ ברייט־פאַרצווייגטע בילדונגס־און דערציאונגס־טעטיקייט צווישן דער שטעטלדיקער יוגנט.

אין דער דאָזיקער אַרבעט נעמט ער גאָר אַן אַקטיוון אָנטייל. ער גיט אָפּ פאַר איר אַלע אָוונטן פון דער וואָך, כאָטש ער איז פאַרמאַטערט פון אַ

גאַנצן אַרבעטסטאָג: ביז 2 אַזייגער אַלס שילער אין דער מלוכה'שער גימנאַזיע און נאָכמיטאָג מוז ער אַרומלויפן מיט לעקציעס אַלס קאָ-רעפּעטיטאָר, כדי צו פאַרדינען אויף שול-ביכער, אָדער אויף אַ מלבוש, ווייל די „שטוב" איז פאַראָרעמט פון דער מלחמה און דער טאַטע קען אים מער נישט אויסהאַלטן . . . זיינע אייגענע שול-אויפגאַבן פלעגט ער מאַכן אין די שפּעטע נאַכט-שעה'ן, אויפן חשבון פון זיין שלאָף — אָבער זיינע געזעלשאַפטלעכע פליכטן פלעגט ער קיינמאָל נישט פאַרנאַכלעסיקן.

זיין גלייכצייטיקע ראָל אַלס שילער און לערער אין נייסאַנדז האָט אַזוי געדויערט ביזן זומער פון 1919, ווען ער האָט גראַדואירט פון דער גימנאַזיע און — אַן וועלכער ס'איז אויסזיכט אויף שטיצע מצד זיינע עלטערן — זיך גענומען גרייטן אָנצוקומען אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, כדי דאָרט צו געניסן העכערע בילדונג און כדי זיך נוצלעך צו מאַכן אינם דינסט פון זיין פאָלק אַלס קולטור-טוער.

2. רינגעלבלומס סטודענטישע יאָרן און זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

אין האַרבסט 1919, ווערט עמנואל רינגעלבלום אַ סטודענט פונם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. דאָס פאָרזעצן זיין שטודיום קומט אים אָן זייער שווער, ווייל דער סטודענטן-אָפּצאָל אויפן אוניווערסיטעט איז אַ הויכער; אַ צימער צו קריגן אין וואַרשע — איז דעמאָלט געווען שווערער ווי קריעת-ים-סוף און קיין יידישע אַקאַדעמישע היים איז נאָך דעמאָלט אויך נישט געווען; עפּעס עסן, כאָטש 2 מאָל אין טאָג אין דער ביליקער קיך פאַר יידישע סטודענטן, אין דער אַזוי-גערופענער „מענזא אַקאַדעמיצקאַ", פאָדערט אויך אַ סומע, וואָס איז פאַר אַ צוגעפאָרענעם אָרעמען סטודענט אַ גרויס פאַרמעגן, ובפרט, ווען ער קען פון זיינע שווער-האָרעווענדיקע עלטערן גאָרנישט פאַרלאַנגען. אָבער, ביי רינגעלבלומען איז דער דראַנג צו העכערער בילדונג געוואַלדיק שטאַרק. זיין הונגער צו דער וויסנשאַפט איז ביי אים שטאַרקער ווי דער פיזישער הונגער. מיט גרויס עקשנות איז ער, אין משך פון יאָרן, גובר אַלע שוועריקייטן און שלאָגט-זיך דורך אַ וועג ביז ער דערגרייכט דעם ציל. בשעת די פאָרמיטאָגס באַזוכט ער דעם אוניווערסיטעט, וואו ער שטודירט עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע און געשיכטע. אין די אָוונט-שעה'ן איז ער אַ לערער אין די אָוונט-שולן פון דער „געזעלשאַפט אָוונט-קורסן פאַר אַרבעטער", וואו די פאַרדינסטן זיינען זייער קליינע, דאָס איז דאָך נישט קיין פּריוואַטע אונטערנעמונג, נאָר אַ געזעלשאַפטלעכע ביל

דונגס-אינסטיטוציע. די רעגירונג גיט נישט קיין סובסידיעס און די אָוונט-שולן עקזיסטירן נאָר א דאנק דעם, וואָס די „געזעלשאַפט אָוונט-קורסן", אָדער די „צישאָ" (צענטראַלע יידישע שול אָרגאַניזאַציע), צאָלן דאָס דירה-געלט, אַזוי אַז די לערער, אַרבעטן דאָרט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, טיילן זיך בלויז דערמיט וואָס עס בלייבט פונם מאָגערן שכר-לימוד, נאָכדעם ווי זיי באַצאָלן פריער פאַר דער עלעקטריע און פאַרן ריין-האַלטן די שולן און דער-מיט וואָס זיי באַקומען פון צייט-צו-צייט, א-סובסידיע פון דער „צישאָ" פון די געלטער וואָס זי באַקומט פון אַמעריקע.

אָבער נישט-געקוקט אויף די דאָזיקע הונגער-באַדינגונגען שטייט עמ-נואל רינגעלבלום ביי אָט דער אַרבעט מיט אויסדויער און מיט ליבע, מיט איבערגעגעבנקייט און אויסערגעוויינלעכער אחריות. ער איז נישט בלויז א לערער, וואָס קומט אין אָוונט אָפּגעבן זיינע 2-3 לעקציעס, נאָר די אָוונט-שולן ווערן זיין אידעאַל. ער ווערט גיך דער פּרינציפּאַל פון א גרויסער אָוונט-שול אין וואַרשע; דער פּאָרזיצענדער פונם פּעדאַגאָגישן ראַט פון אַלע 5 אָוונט-שולן, וואָס די אויבנדערמאַנטע געזעלשאַפט האַלט אויס אין וואַרשע און ער ווערט דער ליבלינג פון די פילע הונדערטער יוגנטלעכע אַרבעטער וואָס באַזוכן די דאָזיקע שולן. ער אָרגאַניזירט א „צענטראַלן קלוב" פאַר אַלע אָוונט-שילער, וועלכער איז טעטיק אין די שבת'דיקע נאָכ-מיטאָגן און אין די אָוונטן, ווען עס קומען נישט פאָר קיין לימודים. רינג-געבלום איז ממש די נשמה פון דעם דאָזיקן קלוב, וועלכער דערציט די יוגנט, וואָס איז במשך פון די מלחמה-יאָרן געוואַקסן הפקרדיק און אָן עלע-מענטאַרער בילדונג, מיט דער הילף פון פאַרווייליגונגען, פּאָפּולערע וויסנ-שאַפטלעכע שמועסן און זעלבסטבילדונגס-קרייזלעך.

רינגעלבלום, וואָס איז לויט זיין נאַטור געווען אן „אומפאַרבעסערלע-בער" ענטוזיאַסט, ווירקט אויף די איבעריקע לערער, אַז זיי זאָלן זיין מער ווי פאָרמעלע לערער, אַז זיי זאָלן זיך מיט ליבשאַפט אָפּגעבן צו דער דער-ציאונגס-אַרבעט אַלס א געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, און אים געלינגט טאַקע איינצושטעלן א האַרמאָנישע אַטמאָספער צווישן די סטודענטן-לערער און צווישן די האַלב-אַנאַלפאַבעטישע יוגנטלעכע. דאָס סטימולירט די יוגנט-לעכע פלייסיק צו לערנען. די אָוונט-שולן געווינען אַסך פּאָפּולאַריטעט און זיינע באַמיאונגען ווערן געקרוינט מיט אַסך דערפאָלג.

צו דערזעלבער צייט איז רינגעלבלום געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין די אַקאַדעמישע (סטודענטישע) קרייזן. ער איז טעטיק, סיי אינם פּועלי-ציו-ניסטישן אַקאַדעמישן קרייז „יוגנט", סיי אינם אַלגעמיינעם „אַקאַדעמישן פאַרבאַנד", פון דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט, וואו אַלע סאָציאַליס-

מישע עלעמענטן קומט-אויס צו פירן א געמיינזאמען פארשארפטן קאמף קעגן דער איינשטעלונג פון די גבירישע זונדעלעך און קעגן דעם בורזשואזן שול-סיסטעם. די סאציאליסטישע אקאדעמיקער פארלאנגען פון דער רע־גירונג, אז די הויכע אפצאלן אויף די אוניווערסיטעטן זאלן באדייטנד פאר־קלענערט ווערן, כדי די בילדונג זאל ווערן גלייך צוגענגלעך פאר אלע סטו־דענטן און רינגעלבלום איז במשך פון יארן געשטאנען בראש פון דעם דא־זיקן געזעלשאפטלעכן קאמף. ער איז טעטיק אין דער בשותפותדיקער „זעלבסטהילף ארגאניזאציע" פון די יידישע אקאדעמישע פאריינען, וועלכע האלט-אויס אן אייגענע קאאפעראטיווע ביליקע קיך, באזארגט די יידישע סטודענטן מיט געלט-הלוואות, וועלכע זיי וועלן דארפן אפצאלן ערשט נאכ־דעם ווי זיי וועלן ענדיקן זייער שטודיום און זיך איינארדנען אלס פראפע־סיאנאלן. די יידישע אקאדעמישע פאריינען טרעטן-צו צו בויען אן אקא־דעמיש הויז, וואו די נישט-פארמעגלעכע סטודענטן זאלן קענען וואוינען פאר א ביליקן אפצאל און רינגעלבלום ווערט טעטיק ביי דער דאזיקער וויכטיקער ארבעט אינם געזעלשאפטלעכן בוי-קאמיטעט אלס איינער פון די פארשטייער פון די יידישע אקאדעמיקער.

אין יענע יארן — אין די יארן 1920-1927 — געהערט ער גלייכצייטיק צום צענטראל-קאמיטעט פונם פועלי-ציוניסטישן יוגנטלעכן ארבעטער-פאר־באנד „יוגנט" אין פוילן און ער ארבעט-מיט פובליציסטיש אין די זשור־נאלן פון דעם דאזיקן פארבאנד: „די פרייע יוגנט", „דער יונגער דור" און „נאשע האסלא" („אונדזערע לאזונגען").

דאס זענען אבער אלץ בלויז וואלונטארישע ארבעטן, פון וועלכע מען קען האבן נאר א מאראלישע באפרידיקונג, אבער נישט קיין פרנסה און רינגעלבלום איז געצוואונגען איבערצונעמען, אלס „צוגאב" צו זיינע באשעפ־טיקונגען, עטלעכע לערער-שעה'ן אין די שולן פון דער „ציש"א", צוליב-וואס ער מוז אפט דורכלאזן לעקציעס אויפן אוניווערסיטעט. פון איין זייט, פאר־שלעפט דאס אביסל דאס פארענדיקן פון זיינע שטודיומס און פון דער אנ־דערער זייט באוועגט דאס אים צו קאנצענטרירן זיין שטודיום אויף איין געביט — אויפן געביט פון געשיכטע.

די ערשטע 2-3 יאר פון זיין באזוכן דעם אוניווערסיטעט האט זיך רינ־געלבלום געווידמעט, ווי מיר האבן שוין אויבן דערמאנט, גלייכצייטיק עט־לעכע געביטן: עקאנאמיע, סאציאלאגיע און געשיכטע. לכתחילה האבן אין אים געקעמפט צוויישן זיך 2 באגערן: צו ווערן אן עקאנאמיסט, אדער צו ווערן א היסטאריקער. מיט דער צייט איז אים אבער קלאר גע־

וואָרן, אַז די נטוה צו שטודירן געשיכטע איז ביי אים שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע נטיות און האָבנדיק שוין אַ היפּשן סכום פון עקאָנאָמישן און סאָציאָלאָגישן וויסן, וואָס אַ היסטאָריקער מוז האָבן, איז ער דאַן אינגאַנצן אַריבער אויפֿן געביט פון געשיכטע. באַוואויגן דערצו האָט אים אין אַ גרויסער מאָס די דערקענטעניש, אַז די יידישע געשיכטספאָרשונג אין פּוילן איז אַ שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט געביט. וואָס מער ער האָט זיך באַטראַכט וועגן דעם און וואָס מער ער האָט זיך אינם געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישן קאַמף אָנגעשטויסן מיט אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען פון איין זייט און מיט געשיכטלעכער איגנאָראַנץ אינם יידיש-פּוילישן לעבן גופא — אַלץ מער איז ביי אים רייף געוואָרן דער דראַנג און דער קלאָרער ווילן, עפּעס מהדש-צו-זיין אויפֿן געביט פון גרינטלעך אויספאָרשן די קנאַפּע טויזנט-יאָריקע געשיכטע פונם 3 און אַ האַלב מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין פּוילן.

תיכף נאָך זיין פעסטן אַנטשלוס פון איצט-אָן זיך צו ווידמען דער יידיש-פּוילישער געשיכטספאָרשונג, האָט ער זיך אויף אַ משך פון עטלעכע יאָר מיט התמדה פאַרטיפט אין די פאַרשטויבטע אַקטן-פּעק פון די וואַרשעווער געריכטס-אַרכיוון און געבישטערט אין די צימערן פון די מלוכה׳שע ביבליאָטעקן, ביז ער האָט אין 1927 צוגעשטעלט צום פּראָפעסאָרן-קאָלעגיום פון אוניווערסיטעט זיין דיסערטאַציע: „די געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע ביז צום גירוש פון יאָר 1527“. פאַר אָט דער אַרבעט האָט רינגעלבלום באַקומען דעם דאָקטאָר טיטל.

3. רינגלבלום ווערט אַן אַנערקענטער פאָרשער פון דער יידישער פאַרגאַנגנהייט אין פּוילן

פון יענעם מאָמענט-אָן, ווען זיין ערשט געשיכטלעך בוך איז אַנערקענט געוואָרן, ווי אַ וויכטיקער צושטייער צו דער יידישער געשיכטס-פאָרשונג, האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל אין זיין לעבן.

פון אַרויסגעבן זיין בוך אין דרוק, האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געקענט טראַכטן אין רעאַלע טערמינען. קיין געלט דערצו האָט ער דאָך נישט געהאַט. אַז אַ פּריוואַטער בוך-פאַרלעגער זאָל דאָס טאָן, האָט אויך נישט געקענט זיין קיין רייד, ווייל פּריוואַטע פאַרלעגער זוכן דאָך זיכערן פּראָפיט — בעת פאַר געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן איז רינגעלבלום געווען נאָך אַ צו-יונגער מחבר, אַז זיי זאָלן ריזיקירן מיט זייער גוטער רענאָמע. רינגעלבלום האָט זיך דערפאַר געמוזט באַנוגענען מיט אָפּקלאַפּן אויף דער שרייבן-מאַשין עטלעכע קאָפּיעס פון זיין ערשטלינג-ווערק — אין דער פּוילישער שפּראַך,

פאַרשטייט זיך — און אונטערגעטראָגן צו איינציקע עקזעמפּלאַרן צו זיינע נאָענטסטע פריינט און צו די אַנערקענטע אויטאָריטעטן אינם קרייז פון יידישע געלערנטע, למשל, צו פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן, צו דר. יצחק שיפּער און אַנדערע.

ווער עס האָט זיך נאָר נעענטער באַקענט מיט רינגעלבלומס געשרי-בענעם ווערק, האָט באַלד געמוזט דערקענען, אַז אינם יונגען מחבר פאַר-מאָגט די יידישע געזעלשאַפט אַן ערנסטן פאָרשער און אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט ער אויסוואַקסן ווי אַ פּראָמינענטער יידישער היסטאָריקער.

די וואַרעמע אַנערקענונג און די דערמוטיקנדע ווערטער וואָס דר. עמנואל רינגעלבלום האָט באַקומען פון זיינע עלטערע קאָלעגן — פון איין זייט, און זיין איינגעבוירענע אַרבעטסזאַמקייט, צוזאַמען מיט זיין אידעאָלאָגישער איינשטעלונג בנוגע דער סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכער ראָל פונם יידישן פאָלק אין פוילן — פון דער אַנדערער זייט, האָבן אים סטימולירט צו ווייטערדיקע פאָרשונגען אויפן געביט פון דער יידישער פאַרגאַנגנהייט אין פּוילן און האָבן אים, בהדרגה פאַרשטייט זיך, פון יאָר-צו-יאָר געבראַכט אויף אַ העכערן שטאַפּל פון דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַר, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַן אַלגעמיין-אַנערקענטן געלערנטן, היסטאָריקער און אויטאָריטעט אויפן געביט פון יידישער געשיכטספאָרשונג אין פּוילן.

אין משך פון די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר האָט ער צוגעגרייט 2 נייע ביכער מיט אַ געשיכטלעכן אינהאַלט און מיט אַן אייגנאַרטיקן פאָרשונגס-מעטאָד. גלייכצייטיק האָט ער אין די פאַרשידנסטע וויסנשאַפטלעכע אויס-גאַבן פאַרעפנטלעכט אין יידיש און אין פּויליש צענדליקער קלענערע, אָדער גרעסערע געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען, אַזוי אַז דערמיט איז ער געוואָרן פּאָ-פּולער אויך צווישן די ברייטע קרייזן פון ערנסטע לייענער און פאַרלאַגן האָבן שוין מער נישט מורא געהאַט צו ריזיקירן מיטן אַרויסגעבן פון זיינע ווערק.

אינם יאָר 1932, האָט די „וואַרשעווער אָפּטיילונג פון דער פּוילישער היסטאָריקער געזעלשאַפט" — אַ געזעלשאַפט וואָס פלעגט אַרויסלאָזן אין דרוק נאָר ערשט-קלאַסיקע ווערק — אַרויסגעגעבן רינגעלבלומס אויבנ-דערמאָנטע ערשטלינג-ווערק „די געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, ביזן גירוש פונם יאָר 1527".

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1933, האָט דער „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט" אין ווילנע („ייוואָ"), אַרויסגעגעבן אין יידיש זיינם אַ צווייטע

וויכטיקע ארבעט: „צו דער געשיכטע פונם יידישן דרוק אין בוך-וועזן אין פוילן, אינם 18-טן יאָרהונדערט".

אין 1934, ווידער, האָט דער „אינסטיטוט פאר די נאציאָנאַליטעטן-פראַגן" ארויסגעלאָזט פון דרוק זיינס א ניי בוך אין פויליש, אין וועלכן רינגעלבלום האָט זיך פארמאָסטן אויסצופאָרשן „די פּראָיעקטן און פּרוואוון אומצושיכטן די יידן אין פוילן אין דער עפּאָכע פון קעניג סטאַניסלאַוו".

דאָס פערטע ווערק זיינס פון גרויסער באדייטונג, איז דערשינען אין פארלאג פון „ייוואָ", אינם יאָר 1937. דאָס איז א גרינטלעכע אויספאָרשונג וועגן די „יידן אין פוילן אינם קאָשציושקא-אויפשטאַנד פון יאָר 1794".

די דאָזיקע 4 ווערק זענען נאָך נישט אלץ וואָס עס איז דערשינען פון רינגעלבלומס פעדער אין רעזולטאט פון זיין גייסטיקער פּראָדוקטיוויטעט.

אין די יאָרן 1932-1933 האָט ער, אין א לאָדזשער יידיש-פוילישן מאַגאזין, וואָס איז דערשינען אין דער פוילישער שפּראַך און האָט געטראָגן דעם טיטל „יידישע חודש-שריפט", אָפּגעדרוקט א סעריע פון צענדליגער ארטיקלען אונטערן קעפּל: „די יידן אינם ליכט פון דער ווארשעווער פּרעסע אינם 18-טן יאָרהונדערט".

אינם ווארשעווער חודש-זשורנאל „סאָציאַלע מעדיצין", וואָס די צענטראַלע פון „טאָז" (געזעלשאַפט צו שיצן דאָס געזונט ביי יידן) האָט ארויסגעגעבן, אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר. לייב וואולמאַן, האָט רינגעלבלום דעסגלייכן פארעפנטלעכט צענדליגער ארטיקלען וועגן „היגיענע ביי יידן אינם אַמאָליקן פוילן", וועגן „יידישע דאָקטוירים אין פוילן" און אויף ענלעכע סאָציאַל-מעדיציניש טעמעס.

צו דערזעלבער צייט איז ער געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון אַלע „ייוואָ"-אויסגאבן, ווי למשל פון די „עקאָנאָמישע שריפטן", „היסטאָרישע שריפטן", „פון נאָענטן עבר", א. ד. גל. פון די אַלע ארבעטן וואָס ער האָט דאָרט אָפּגעדרוקט, איז באזונדערס כדאי צו דערמאָנען, זיינע אָריגינעלע ארבעטן וועגן דעם „פּלאָצקער פּנקס חיטים", אין דעם צווייטן באנד פון די „עקאָנאָמישע שריפטן" און וועגן דער „יידישער קהלה" אין ווארשע אינם 18-טן יאָרהונדערט" — אינם צווייטן באנד פון די „היסטאָרישע שריפטן" (1937). רינגעלבלום האָט דאָסגלייכן רעגולמעסיק פארעפנטלעכט אינם זשורנאל פונם פּועלי-ציוניסטישן יוגנטלעכן ארבעטער-פארבאנד „יוגנט", צענדליגער ארטיקלען אויף אזעלכע אינטערעסאַנטע געשיכטלעכע טעמעס, ווי: שטרייקן פון יידישע געזעלן אינם מיטלאַלטער; סאָציאַלע קאַמפן מיט 400 יאָר צוריק; וועגן סאָקראַטעס-פּראָצעס מיט 2300 יאָר צוריק; א

בלעטל געשיכטע פון די ווארשעווער יידן אין מיטלאלטער; זשאן זשאק רוססא (צו זיין 150-טן יארצייט) און אחוץ־דעם א ריי פובליציסטישע אר־טיקלען אונטערן פסעוודאנים מוניע העלער.

צום סוף דארף אויך דערמאנט ווערן די ביז־גאר אינטערעסאנטע היס־טארישע ארבעט „מקורים צו דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן און אין מזרח־אייראפע", וואס ער האט געשריבן בשותפות מיט זיין פריינט און פען־קאלעגע — מיטן היסטאריקער דר. רפאל מאהלער. פון די דאזיקע מקורים זענען דערשינען 2 העפטן (וועגן מיטלאלטער): אין יידיש — ארויסגעגעבן פון דער „קולטור־ליגע" אין 1930 און אין פויליש — ארויסגעגעבן אינם פארלאג פון י. מ. פרייד, ווארשע.

דר. רינגעלבלום, איז אין זיינע היסטארישע ארבעטן נישט געגאנגען אין קיין שום פון די פריער־אויסגעטראטענע וועגן. אלס מארקסיסט, אלס יידישער סאציאליסט האט ער געהאט אן אייגנארטיקן פארשונגס־מעטאד, אן אייגענעם צוגאנג צו געשיכטע און א זעלבסטשטענדיקן בליק אויפן לעבן. ער האט זיינע פארשונגען נישט געבויעט אויפן לעבן פון פראמי־נענטע פערזענלעכקייטן — נאר זיך געגריבלט אין די סאציאל־ווירטשאפט־לעכע פארהעלטנישן פון דער געגעבענער עפאכע, וועלכע ער האט אויסגע־פארשט; זיך פארטיפט אין די עקאנאמישע באדינגונגען פון דער מאסע און פון דארט געשעפט די מאטעריאלן פאר זיין געשיכטלעכער קאנצעפציע.

להיפוך צו אנדערע פארשערס, האט ער זיך אין זיין פארשונגס־ארבעט נישט געשטיצט אויף די אויפטוען פון די יידישע שתדלנים, נישט אויף די „מעשים־טובים" פון די קהלה־תקיפים — נאר געזוכט צו דערגרונטעווען מיט וואסערע פרנסות האבן זיך יידן דעמאלט־און־דעמאלט באשעפטיקט, ווי־אזוי איז געווען זייער עקנאמישער מצב און וואסערע איז געווען צו זיי די באציאונג צו קריסטלעכע שכנים, מצד די מלוכה־ארגאנען און מצד די באזונדערע קלאסן פון דער דרויסנדיקער וועלט.

דאס אויסצופארשן, איז נישט געווען אזוי לייכט, ווייל וועגן די דאזיקע פראגן זענען כמעט נישט געווען קיין פארטיקע מאטעריאלן. איז טאקע רינ־געלבלום יארן־גאנצע אפגעזעסן מיט גרוים התמדה אין די ארכיוון פון די ווארשעווער געריכטן, אין די קעלערס פון די מלוכה׳שע ביבליאטעקן, וואו עס זענען געלעגן די פארשטויבטע פעק מיט פארגעסענע אלטע מאטעריאלן, אין וועלכע קיינער האט זיך נישט געוואלט גריבלען. ער האט דארט אזוי־לאנג געניסטערט אין די שווין אפגעבליאקעוועטע געריכטס־אורטיילן, אדער קעניגלעכע דעקרעטן, ביז ער האט זיך דא־און־דארט אנגעשטויסן אויף איינצעלנע אפגעריסענע ידיעות, אויף מלחמה־כראניקעס, אויף פאקטן,

אָדער אויף שילדערונגען פון פּראָצעסן צווישן יידישע און קריסטלעכע בירגער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום אַמאָליקן יידישן לעבן און אונטער זיין פּעדער זענען דערפון אַרויסגעקומען קלאָרע בילדער, אָדער געשיכטלעכע גרינטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן.

4. רינגעלבלומס געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן

דר. עמנואל רינגעלבלום האָט געהערט צו דעם טיפּ פון געלערנטע, וואָס זיינען באַין-אופן נישט אומשטאַנד, אָפּצושליסן-זיך אין "די ד' אמות כון זייער אַרבעטס-קאַבינעט, אָדער צו איזאָלירן-זיך אין די אַרכיוון. ער האָט ליב געהאַט די דאָזיקע אַרבעט און איר האָט ער פּריוויליק אָוועקגעגעבן די שענסטע יאָרן פון זיין לעבן. אָבער, ער האָט תמיד פאַרמאָגט אַ שטאַרקן חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט בכלל און באַזונדערס פאַר קולטורעלער טעטיקייט צווישן די ברייטסטע פאָלקסמאַסן. אין אַלע צייטן פון זיין לעבן, אפילו ווען ער איז ביז איבערן קאָפּ געווען פאַרזונקן אין זיינע געשיכטלעכע פאָרשונגס-אַרבעטן, פלעגט ער שטענדיק מוזן אָפּרייסן אַביסל צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן אין וואַרשע, האָט ער, ווי מיר האָבן עס אויבן געזען, זייער אַסך צייט, ענערגיע און איניציאַטיוו, אָפּגעגעבן פאַר די אוונט-שולן, פאַר די אַקאַדעמישע אָרגאַניזאַציעס און פאַרן צענטראַל-קאָמיטעט פונם פועלי-ציוניסטישן פאַרבאַנד „יוגנט“, וואו ער פלעגט מיט-העלפן אויסאַרבעטן די פּראָגראַמען פאַר די קולטור-טעטיקייטן און פלעגט אָפט אַרויספאָרן אין די שבתים מיט פאָרלעזונגען אין די פּראָווינץ-שטעט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז זיין באַליבטעסטער אַרבעטספּלאַץ געווען אינם פּרעזידיום פון דער „געזעלשאַפט אוונט-קורסן פאַר אַרבעטער“. יעדן נאָכמיטאָג, נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע לעקציעס אין די יידיש-פּוילישע גימנאַזיעס, וואו ער איז געווען לערער פון געשיכטע-לימוד, פלעגט ער קומען אין צענטראַלן אָפיס פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. אונטער זיין דירעקטער אָנפירונג האָט די „געזעלשאַפט אוונט-קורסן“ אויסגעברייטערט איר טעטיקייט און אויסגעבויעט אירע אינסטיטוציעס. אַ דאַנק זיין סיסטעמאַטישער און טאָג-טעגלעכער אַרבעט האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט, אין יענע יאָרן, פאַרמאָגט 165 אָפּטיילונגען איבער די פאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך פון דער פּוילישער רעפּובליק. לויט זיין איניציאַטיוו האָבן די מערהייט פון די אָרטיקע אָפּטיילונגען אָרגאַניזירט ביי זיך אַרבעטער ספּאָרט-קלובן, וועלכע האָבן זיך דערנאָך צונויפגעשלאָסן אין אַ זעלבשטענדיקן ספּאָרט-פאַרבאַנד „שטערן“ מיט אַן אייגענער

צענטראלער אָנפירונג; כאָרן, דראמאטישע קרייזן, מוזיקאלישע סעקציעס, ביבליאָטעקן און זומער־קאָמפּס. אומעטום האָט געשטעקט זיין האנט און איבעראל האָט דערגרייכט זיין קאָנטראָלירנדיק אויג. צוויי גרויסע קולטור־קאָנגרעסן האָט די דאָזיקע געזעלשאפט אָפּגעהאלטן אין די יאָרן 1926 און 1931, צו וועלכע עס זיינען געקומען קיין ווארשע הונדערטער דעלעגאַטן און געסט פון איבערן גאנצן לאנד און וועלכע זיינען — אחוץ זייערע פּראקטישע רעזולטאטן — פארוואנדלט געוואָרן אין הערלעכע דעמאָנסטראַציעס פאר דער מאָדערנער יידישער קולטור.

דר. רינגעלבלום איז אין דער דאָזיקער קולטור־טעטיקייט נישט געווען קיין „אומפּארטייאישער אינטעליגענט", וואס טוט קולטור־ארבעט לשם קולטור. ביי אים איז די דאָזיקע טעטיקייט געווען בלויז א טייל פון דעם אלגעמיינעם קאמף וואס די ארבעטערשאפט דארף פירן פאר איר באפרייאונג. ער האָט זיך באטראכט פאר א טוער פון זיין פארטיי — פון דער לינקער פּועלי־ציון־פּארטיי, צו וועלכער ער האָט אלע זיינע יאָרן געהערט — אויפן קולטור־פראָנט פונם יידישן ארבעטער־קאמף און ער האָט זיין שליחות דערפילט מיט גרענעצלאָזער ליבע און מיט גרויסער פאראנטוואָרטלעכקייט.

אויך צו זיין לערערישער פּראָפעסיע האָט ער זיך באצויגן אידעאליסטיש. ווען ער איז שוין געווען מער־ווייניגער עקאָנאָמיש איינגעאָרדנט אלס לערער פון די יידיש־פּוילישע מיטל־שולן, האָט ער אבער נישט געקענט שלום מאכן מיטן פאקט, וואס די דאָזיקע שולן לערנען נישט קיין יידיש אלס שפּראך און אפילו נישט קיין יידישע ליטעראטור — זאָל זיין כאָטשבי אויף פּויליש. ער פּרואווט זיינע תלמידים און תלמידות, בעת זייערע געשיכטע לעקציעס, צו פאראינטערעסירן מיט די יידישע קולטור־פּראָבלעמען און ער עצה'ט זיי צו גרינדן אויסערהאלב דער שולע זעלבסטבילדונגס־קרייזן פאר דער יידישער שפּראך און יידישער ליטעראטור, צוזאָגנדיק זיי דערצו זיין קאָנקרעטע מיטהילף.

די מאָגערע רעזולטאטן פון די דאָזיקע פּרואוון, האָבן אים אָבער לחלוטין נישט צופרידנגעשטעלט און — נאָכדעם ווי ער באקומט דערצו דעם הסכם פון צ. ק. פונם „יוגנט"־פארבאנד — באשליסט ער צו ווערן כאָטש אויף איין יאָר צייט א לערער אין דער יידיש־וועלטלעכער גימנאזיע פון דער „ציש"א" אין ווילנע — אויף גאנץ מאָגערע מאטעריעלע באדינגונגען.

אים האָט געצויגן קיין ווילנע — צו דער „ירושלים דליטא" — וואו עס האָט געברויזט און געקאָכט מיט א פולן און פילפארביקן יידישן קולטור־לעבן. אים האָט געצויגן קיין ווילנע, וואו עס איז געווען דער זיץ־ארט

פונם „ידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" מיט פאַרשידענע וויסנשאַפט-לעכע סעקציעס.

אינם ווילנער פעריאָד באַקענט ער זיך נעענטער מיט דער ארבעט פון דער „ייוואָ", און ווען ער קומט שפּעטער צוריק קיין וואַרשע, ווערט ער דער ענטוזיאַסטישער בויער פון דער וואַרשעווער ייוואָ-אָפּטיילונג און דער אַק-טיווסטער מיטאַרבעטער פון דער היסטאָרישער סעקציע ביי דער ייוואָ-צענטראַלע.

צוזאַמען מיט דר. ר. מאַהלער גרינדעט ער דאַן דעם „קרייז פון יונגע יידישע היסטאָריקער", צו וועלכן עס געהערן אַ גאַנצע ריי פון יונגע גע-לערנטע: מאַגיסטער י. טרונק, דר. ל. צאַמבער, מגר. מנחם לינדער, דר. פ. פרידמאַן פון לאָדזש און אַנדערע. דער קרייז גיט אַרויס זיינע אייגענע „שריפטן" אין וועלכע רינגעלבלום פאַרעפנטלעכט פון צייט-צו-צייט זיינע וויסנשאַפטלעכע ארבעטן און סיי אין די קרייזן פון די „אַלטע" יידישע היסטאָריקער, סיי אין די קרייזן פון די פּוילישע היסטאָריקער, לייגט מען אַ סך האָפענונגען אויף די רעזולטאַטן פונם דאָזיקן קרייז בכלל און באַ-זונדערס אויף דער צוקונפט פון רינגעלבלומען גופא אַלס יידישער היס-טאָריקער.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, ווען רינגעלבלום איז שוין באַקאַנט אין פּוילן אַלס היסטאָריקער, ווערט ער איינ-געלאַדן פונם דאָרטיקן „דזשאָינט" אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט און אַלס רעדאַקטאָר פונם חודש-זשורנאַל „פאָלקס-הילף", וואָס די „צענטראַלע פון גמילת-חסדים קאַסעס" ביים „דזשאָינט" האָט אַרויסגעגעבן פאַר די קליינע יידישע בעלי-מלאכות און פאַרמער.

אויך אויף דעם דאָזיקן אַמט האָט רינגעלבלום אַרויסגעוויזן אַ סך אי-ניציאַטיוו און געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אין אַן אַרבעטס-געביט וואָס האָט פריער געשמעקט מיט פילאַנטראָפּיע, האָט ער אַ סך מיט-געווירקט דערצו, אַז דער דאָזיקער געביט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אינסטיטוציע פון זעלבסטהילף און ער איז דערפאַר גיך געוואָרן דער ליבלינג פון די אָרעמע פּראָווינצער קליינע האַנטווערקער און פון די דאָרפישע יידן, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין קאָאָפּעראַטיוון און מיט דער הילף פון „פאָלקסהילף"-זשורנאַל, זיי דערצויגן צו פּראָדוצירן און אָפּזעצן זייערע פּראָדוקטן אויף קאָלעקטיווע יסודות.

פאַרשטייט זיך, אַז זייענדיק איבערגעלאָדן מיט צענדליקער געזעל-שאַפטלעכע ארבעטן אַלס „דזשאָינט"-טוער, אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָלקס-

הילף", אַלס פֿאָרזיצנדער פֿון דער וואַרשעווער ייוואָ-אָפּטײלונג און מיט אַ גאַנצער רײע וויסנשאַפֿטלעכע טעטיקייטן, סײ אינם „קרײז פֿון יונגע היסטאָריקער", סײ מיט נײע פֿאָרשונגען וועגן דער געשיכטע פֿון יידן אין פּוילן, האָט ער זיך אין די לעצטע יאָרן געמוזט טײלווײז באַפֿרײען פֿון אַזעלכע טאָג-טעגלעכע אַרבעטן וואָס זײנען געווען דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער פּאַרטײ צו וועלכער ער האָט געהערט. ער האָט אָבער שטאַרק אָפּגעהיט די וויכטיקסטע פֿליכטן זײנע לגבי דער באַוועגונג. ער האָט קײנמאָל נישט פֿאַרפֿעלט צו קומען צו די פֿאַרשײדנסטע פּאַרטײאישע, אָדער אַלגעמײן-פּראָלעטאַרישע פֿײערונגען. אָט אַ קלײנער טשיקאַווער עפּיזאָד: אײנמאָל האָט ער אַביסל פֿאַרשפּעטיקט צו אַ באָראָכאָוו-אַקאַדעמיע. צוליב דעם ווײל דער זאַל איז באַצײטנס געוואָרן איבערגעפֿולט, האָט די פּאָליצײ-וואַך אין דרויסן אָפּגעשלאָסן די טירן און מער קײנעם נישט אַרײנגעלאָזט. רינגעלבלום האָט געהאַט דערפֿון גרויס עגמת-נפֿש און ער האָט זיך פֿאַר זײן פֿאַרשפּעטיקן אַלײן באַשטראָפֿט. אין אַ פֿראָסטיקער דעצעמבער-נאַכט האָט ער אויף דער גאַס אַרומשפּאַצירט פֿאַר דער טעאַטער-געבײדע ביזן סוף פֿון דער יאָרצײט-פֿײערונג. „אויב איך האָב פֿאַרשפּעטיקט" — האָט ער דערקלערט מיט פֿאַרדרוס — „ווײל איך כאָטש אויף דעם אופֿן באַערן באָראָכאָווס אָנדענקען, אַפֿילו ווען איך זאָל זיך דערבײ פֿאַרקילן" . . .

לויט זײן גאַנצען מהות איז רינגעלבלום געווען מער אַסקעט ווי בשרודם, מער אַ יושב-אוהל ווי אַ קהל'ישער מענטש. ס'פֿלעגט זיך אים פֿונדעסטוועגן אַמאָל פֿאַרבענקען נאָך אַביסל עולם-הזה, נאָך אַביסל געזאַנג און פֿרײלעכקײט. פֿלעגט ער אין אַזעלכע מאָמענטן קומען אין די קלוב-לאָקאַלן פֿון דער פּועלי-ציוניסטישער „יוגנט", כּדי צוזאַמען מיט דער פֿרײלעכער יוגנט-חבֿרה אויסצוזינגען דעם גאַנצן רעפּערטואַר פֿון רעוואָלוציאָנערע לידער און פֿאָלקס-ניגונים. אָבער אויך אין אַזעלכע אָוונטן האָט ער נישט געקענט אײנגאַנצן זיך אָפּגעבן דעם נענוס פֿון „עולם-הזה" און נאָך אַלע געזאַנגען פֿלעגט ער בעטן די יוגנטלעכע, אַז זײ זאָלן דערצײלן פֿאָלקסמיטלעכע אַנעקדאָטן, אינטערעסאַנטע מעשה'לעך פֿון זײערע שטעטלעך, וואָס זײ געדענקען נאָך פֿון די חדר-יאָרן. דערבײ פֿלעגט ער אַרויסציען זײן נאָטיץ-ביכל מיט אַ בלײפֿעדער און מיט גרויסער פֿײערלעכקײט פֿאַרשרײבן אַלץ וואָס עס איז פֿאַר אים געווען נײ. „דאָס וועט צוניץ-קומען" — פֿלעגט ער זאָגן — „פֿאַר דער פֿאָלקלאָריסטישער סעקציע פֿון דער „ייוואָ". מיט באַזונדערער התמדה פֿלעגט ער דאָס טאָן, ווען ער האָט דערהערט עפּעס אַן אַלטמאָדישן יידישן אויסדרוק, אָדער אַ שײן מעשה'לע מיט אַ מוסרהשכל.

5. רינגעלבלומס טעטיקייטן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע און אין דער אונטערערדישער באַוועגונג

אַזוי איז זיך געגאַנגען רינגעלבלומס פאַרבנרייכער לעבן מיט זיין אַל־זייטיקער טעטיקייט און מיט שיינע חלומות וועגן דער צוקונפט, ביזן יאָר 1939, ווען די היטלער־באַנדעס זיינען אָנגעפאַלן אויף פּוילן און האָבן אונטערגעצונדן די וועלט מיט דער מלחמה־שׂרפה.

אין דער לעצטער וואָך פון חודש אויגוסט, ווען אייראָפּע האָט שוין גע־פיבערט מיט דייטשלאַנדס לעצטע מלחמה־צוגרייטונגען און פאַר דער וועלט איז שוין געווען קלאָר, אַז היינט־מאָרגן וועט זיך די היטלער־מאַשין פאַר־מעסטן חרוב־צו־מאַכן פּוילן אַלס איר ערשטן קרבן — אין יענע טעג האָט זיך רינגעלבלום געפונען אין זשענעוו, שווייץ, אַלס איינער פון די דעלע־גאַטן פון דער ווינער פּועלי־ציון־פראַקציע צום 21-טן ציוניסטישן קאָנגרעס. צווישן די פּוילישע דעלעגאַטן איז געוואָרן א שטיקל פּאַניק. א טייל פון זיי האָבן דעמאָלט באַשלאָסן אריבערצופאָרן קיין ארץ־ישראל און א טייל זיינען אוועק קיין פּאַריז, אָדער קיין לאָנדאָן, כדי פון דאָרט צו דערגרייכן די פּאַראייניקטע שטאַטן. עמנואל רינגעלבלום האָט אויך געקענט טאָן דאָסזעלבע. ער האָט אָבער, גלייך ווי די איבריקע דעלעגאַטן פון זיין פּאַרטיי־פראַקציע, געהאַלטן, אַז זיין פליכט איז דורך אומוועגן זיך אומצו־קערן קיין פּוילן, כדי צו זיין, אין דער שעה פון גרויסן אומגליק, צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער פּאָלקסמאַסע.

די צוריק־רייזע קיין פּוילן איז געווען א לאַנגע און א שווערע. איבער איטאַליען אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנען און דערנאָך שוין אַביסל פרייער איבער יוגאָסלאַוויען און ווידער אונטער פּאָליציייאישן קאָנטראָל דורך אונ־גאַרן, ביז ער איז צוזאַמען מיט אַסך אַנדערע דעלעגאַטן, אָנגעקומען צו דער פּוילישער גרענעץ שוין אין דער מלחמה. אויף דער פּוילישער טערי־טאָריע איז מען שוין געפאָרן אין א פינסטערן צוג, וועלכער איז פון צייט־צו־צייט באָמבאַרדירט געוואָרן פון דייטשע עראָפּלאַנען. אָבער, אויף צו־מאָרגנס נאָכן אָנקומען קיין וואַרשע, איז רינגעלבלום שוין געשטאַנען ביי זיין אַרבעט אין „דזשאָינט" און ער האָט שוין געפּלאַנט ווי אַזוי איבערצו־שטעלן די דזשאָינט־טעטיקייטן אויף הילפס־רעלסן פאַר די מלחמה־גע־ליטענע.

ס'האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן באַראַטונגען מיט געזעלשאַפטלעכע אָר־גאַניזאַציעס, ביי וועלכע רינגעלבלום האָט אַלס פאָרשטייער פונם „דזשאָינט" געשפּילט א זייער אָנגעזעענע ראָל. אויפן 6-טן טאָג פון דער מלחמה, ווען וואַרשע איז שוין געווען ערנסט באַדראָט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די

מאסנהאפטע עוואקואציע, האט רינגעלבלום באשלאסן צו בלייבן אויף זיין פאסטן, סיי צוליב זיין ארבעט אין דזשאינט, סיי צוליב דעם וואס ער איז צוזאמען מיט אנדערע פון זיינע פארטיי־חברים — מיט שכנא זאגאן, וועלכער איז אומגעקומען אין די גאז־קאמערן פון טרעבלינקע און מיט אן אנדערן חבר, ב., וועלכער האט נאך לאנג געארבעט אין דער אונטערערדישער באוועגונג — באשטימט געווארן דורכן צ. ק. אלס דער דריטער אינם טריומוויראט וואס דארף אין אלע ענינים פארטרעטן דעם צ. ק. פאר דער גאנצער צייט פון דער מלחמה.

ס'האט זיך באלד אנגעהויבן די באלאגערונג פון ווארשע און די דייטשע באמבארדירונגען האבן געהאגלט מיט חורבן און טויט. א טייל דזשאינט־טוער זיינען געווארן שווער פארוואונדעט. דאס הויז אין וועלכן עס האבן זיך געפונען די דזשאינט־אפיסעס איז חרוב געווארן און אויף ריגענבלומס גורל איז אויסגעפאלן, ביים שיין פון די פייער־פלאמען, איינשטעלנדיק זיין לעבן, צו ראטעווען די וויכטיקסטע דאקומענטן און מאטעריאלן פונם דזשאינט. די באלאגערונג פון ווארשע האט זיך פארצויגן לענגער ווי מען האט לכתחילה גערעכנט און צענדליגער טויזנטער יידישע הארעפאשניקעס, וואס האבן געלעבט פון האנט־אין־מויל־אריין און האבן נישט געהאט קיין שום שפייז־רעזערוון, האבן אנגעהויבן צו הונגערן. אין ווארשע זיינען געבליבן שטעקן צענדליגער טויזנטער פליטים, וואס זיינען זיך צונויפגעלאפן פון דער פראווינץ און זיי האבן זיך געפונען אין א הילפלאזער לאגע. ס'איז פאר רינגעלבלומען געווארן קלאר, אז מען קען נישט ווארטן מיט דער הילפס־טעטיגקייט פון דזשאינט ביז וואן דער באמבארדירונג און בהסכם מיט די איבריקע דזשאינט־טוער רופט ער תיכף א דרינגנדע בא־ראטונג פון געזעלשאפטלעכע טוער, אויף וועלכע עס ווערט באשלאסן שוין צוטרעטן צו גרינדן אין אלע געגנטן פון ווארשע אומזיסטע פאלקס־קיכן. די פארשידענע ארגאניזאציעס — די פראפעסיאנעלע פאריינען און אלע פאליטישע פארטייען, די האנטווערקער פארבאנדן און אנדערע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס — גיבן־אפ זייערע דערוויל נאך־גאנץ־געבליבענע לאקאלן פאר דער גרינדונג פון די קיכן און רינגעלבלום — צוזאמען מיט די אנדערע 2 איבערגעבליבענע דזשאינט־טוער — דער אומגעבראכטער גיישטאט און נאך א חבר, וואס איז אונטערערדיש טעטיק געווען — שטעלן אוועק א ברייטערן הילפס־קאמיטעט, וועלכער קאארדינירט אין זיינע ראמען אלע הילפס־צווייגן. די אנגעלאפענע פליטים און די ארטיגע נשרפים ווערן באזארגט מיט א דאך איבערן קאפ, מיט מלבושים און מיט א טעלער זופ. רינגעלבלום ווערט די נשמה פון דער גאנצער הילפס־ארבעט, ביי וועלכער

ער ווייזט-אוים אסך הארציקייט, אסך איניציאטיוו און גלייכצייטיק אסך ענערגיע. ער ארבעט קנאפע 20 שעה אין מעת-לעת און פאלט ממש פון די פיס — אבער ער שטייט נישט אפּ און דערמוטיקט נאָך אנדערע מיט זיין אינטערעסנלאָזער איבערגעגעבנקייט.

ווארשע איז געפאלן. די דייטשן זיינען אריין אין שטאָט און די נויט צווישן דער יידישער באפעלקערונג ווערט ממש אין לשער. די הילפס-טעטיקייט, וועלכע האָט געמוזט אויסגעברייטערט ווערן, הויבט-אָן צו ליידן פון שטערונגען מצד די דייטשן און רינגעלבלום, וואס האָט געקענט ריידן א גוטן דייטש, הויבט-אָן אינם נאָמען פון דזשאָינט ארומצולויפן אין די דייטשע אמטן מיט אינטערווענציעס, אז די הילפס-ארבעט זאָל נישט גע-שטערט ווערן, ביז ער ווערט איינמאָל — בעת אזא אינטערווענץ — ביז בלוט צעשלאָגן פון א ברוטאלן דייטשן אָפיציר. א צעבלוטיקטער קומט ער דאן צוריק אינם לאָקאל פונם „צענטראלן הילפס-קאָמיטעט" און שטעלט זיך גלייך צוריק צו דער ארבעט. אים האָט לחלוטין נישט געארט זיין פאר-בלוטיקטער צושטאנד — דאגעגן האָט אים שטארק וויי-געטאָן די באציאונג מצד דער דייטשער מאכט צו די יידישע פאָלקס-קיכן און די טרויעריקע פערספעקטיוו פונם פוילישן יידנטום.

שפעטער, ווען די דייטשן האָבן רעאליזירט זייער טייוולאָנישן פּלאַן און האָבן אָפּגעשלאָגן 600,000 יידישע נפשות אין דער ווארשעווער געטאָ, וואו עס האָט באלד אָנגעהויבן צו בושעווען דער הונגער און דער טיפוס, אין יענער צייט האָט רינגעלבלום, דורך די אינסטאנצן פון „צענטראלן הילפס-קאָמיטעט", אָרגאניזירט אין דער געטאָ די „הויז-קאָמיטעטן", וועלכע האָבן געשפילט א גרויסע ראָל אין דער זעלבסטהילף-טעטיקייט פון דער געפייניקטער יידישער באפעלקערונג. און נאָך שפעטער, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן דעפּאָרטאציעס, האָט ער זיך באטייליקט אין די געהיימע בעראטונגען פון אלע פארטייען און אָרגאניזאציעס, אויף וועלכע עס איז בא-שלאָסן געוואָרן צו-צוגרייטן דעם באוואפנטן ווידערשטאנד און פון דאן-אָן און ווייטער גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער אונטערערדישער באווע-גונג.

אין מאי-חודש 1943, ווען דער העראָישער באוואפנטער ווידערשטאנד איז שוין געווען אין פולן גאנג, איז קיין לאָנדאָן אָנגעקומען אן אונטער-ערדישע ראדיאָ-טעלעגראמע, אין וועלכער די יידישע קעמפער האָבן געבעטן הילף, און איינער פון די 3 אונטערגעשריבענע אונטער דער דאָזיקער טעלע-גראמע, איז געווען דר. עמנואל רינגעלבלום, וועלכער האָט גענומען אן אק-טיוון אנטייל אין דער אָרגאניזירונג פון געטאָ-אויפשטאנד.

נאָך דער בלוטיקער ליקווידאַציע פונם אויפשטאַנד איז רינגעלבלום, נאָך צוזאַמען מיט צענדליגער אַנדערע פון זיינע חברים, פאַרשיקט געוואָרן אינם שקלאַפן-לאַגער פון פּאָניאַטאָוו, וואו עס איז שפּעטער אויך פאַרגעקומען אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד קעגן די דייטשע מערדער און צענדליגער קעמפער זענען צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט פונם פּאָניאַטאָווער אויפשטאַנד — דעם פּועלי-ציון-טוער מלך פיינקינד — העלדיש אומגעקומען מיט געווער אין דער האַנט. רינגעלבלום איז אָבער, מיט 2 טעג פאַרן אויסברוך פונם אויפשטאַנד אין פּאָניאַטאָוו, דורך דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג פון דאָרט אַרויסגעגנב׳עט געוואָרן און איז איינגעאָרדנעט געוואָרן אינם אַרישן טייל פון וואַרשע אויף נעפעלשטע דאָקומענטן אַלס געבוירענער „אַריער״.

אין זיין אונטערערדישער דירה אינם אַרישן טייל פון וואַרשע, האָט רינגעלבלום ווייטער פאָרטגעזעצט זיין אַרבעט — וואָס ער האָט נאָך געהאַט אָנגעהויבן אין געטאָ — פאַר דער שאַפונג פון אַ רייכן אַרכיוו. ער האָט געזאַמלט אַלערליי מאַטעריאַלן, דאָקומענטן און פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן אין די געטאָס און צו דער היטלעריסטישער טאָטאַלער פאַרטיליקונג פונם פּוילישן יידנטום.

אונטער זיין דירעקטער אָנפירונג האָט די אונטערערדישע אַרכיוו-קאָמיסיע צונויפגעזאַמלט בערך הונדערט בענדער זכרונות, אין וועלכע יידן פון די פאַרשיידנסטע שיכטן, שילדערן זייערע פיינפולע איבערלעבונגען אונטער דער ביימוש פון דער דייטשער אָקופּאַציע. אחוץ-דעם האָט דער דאָזיקער צענטראַלער אַרכיוו אָנגעזאַמלט פולע קאַסטנס מיט פאַרשידענע אָפיציעלע דייטשע דאָקומענטן בנוגע דער אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג; הונדערטער ראַפּאָרטן, רעפאָרמאַזשן און בעלעטריסטישע שאַפונגען, וואָס טאַלאַנטפולע יונגע שפּראָצונגען, האָבן געשאַפן אין מאָמענטן צווישן לעבן און טויט.

דר. רינגעלבלום האָט אויך, לויט אַ באַשלוס פונם „קאָאָרדיניר-קאָמיטעט״ (אַ פאַרשטענדיקונגס-קאָמיסיע צווישן דעם אונטערערדישן „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט״ און דעם אונטערערדישן קאָמיטעט פון „בונד״), געשריבן „די געשיכטע פון דער יידישער קאַמף-אָרגאַניזאַציע אין פּוילן״.

צו די דאָזיקע אַרבעטן האָט ער זיך באַצויגן מיט דער העכסטער מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט זיי באַטראַכט ממש פאַר זיין לעבנסציל און זיך באַין-אופן נישט געוואָלט אָפּרייסן פון זיי. אַזוי, למשל, האָט די דעלעגאַטור פון דער פּוילישער גלות-רעגירונג אין לאָנדאָן, אין יאַנואַר 1944, דערהאַלטן פון וואַרשע אַ רשימה פון 19 יידישע אונטערערדישע

טוער, וועלכע די פוילישע רעגירונג האט באשלאסן, מיט דער הילף פון דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג, ארויסצוראטעווען פון פוילן און צו ברענגען אויף א זיכערן ארט אין אויסלאנד. פון די 19 קאנדידאטן אויף געראטעוועט צו ווערן, האבן דעמאלט בלויז 3 נאך געלעבט און איינער פון זיי איז געווען דר. עמנואל רינגעלבלום. די פוילישע אונטערערדישע באוועגונג איז געווען גרייט די דאזיקע 3 אונטערערדישע פירער אריבער־צופירן קיין אונגארן און פון דארט זיי צו טראנספארטירן ווייטער. אבער, אלע 3, ובתוכם רינגעלבלום, האבן זיך קאטעגאריש אפגעזאגט פון דער דאזיקער פריווילעגיע. רינגעלבלום — צוזאמען מיט די אנדערע צוויי — האבן געהייסן „דאנקען זייערע ארגאניזאציעס פארן געדענקען זיי“, אבער, „דעם פארשלאג קענען זיי נישט אננעמען, ווייל זיי מוזן דערפילן זייער גע־זעלשאפטלעכן דינסט ביזן סוף“.

רינגעלבלום האט פשוט מפקיר־געווען זיין לעבן, כדי צו דערפירן זיין ארבעט ביזן סוף. עס איז אים אבער נישט געווען באשערט פולשטענדיק צו פארענדיקן זיין הייליקע ארבעט.

דעם 1־טן מערץ 1944 האט ער נאך אנגעשריבן אן אינטערעסאנטן רא־פארט וועגן דער רייכער קולטור־טעטיקייט, וואס די געהיימע „יידישע קול־טור־ארגאניזאציע“ אין דער ווארשעווער געטא האט געפירט פאר דער גאנ־צער צייט פון איר העראישער עקזיסטענץ. ער האט דעם דאזיקן היסטא־רישן דאקומענט, וועלכער ווערט דא איבערגעגעבן באזונדער, אונטערגעשריבן צוזאמען מיט זיין פארטיי־חבר און נאענטן מיטקעמפער א. ב. — אד־רעסירנדיק דעם דאזיקן ראפארט קיין ניו־יארק, צום „ייווא“, צום פען־קלוב און צו שלום אש, י. אפאטאשו, ה. לייוויק און דר. רפאל מאהלער. אבער, נאך איידער די אונטערערדישע באוועגונג האט באוויזן דעם בריוו ארויס־צופירן פון פוילן — דעם 7־טן מערץ 1944 — האט די בלוטיקע „געשטאפא“ אנטדעקט דעם אונטערערדישן קעלער, אין וועלכן רינגעלבלום האט געלעבט צוזאמען מיט זיין פרוי און זייער 12־יאריקן זון, און מיט נאך אנדערע 35 „אריער“, לרוב פון דער יידישער אינטעליגענץ.

די „געשטאפא“, לויט ווי עס מעלדעט דער אונטערערדישער ראפארט, האט געוואוסט ווער און וואס ס׳איז רינגעלבלום — הגם ער מיט זיין משפחה האבן געהאט ארישע דאקומענטן. מען האט זיי דערפאר שוידערלעך גע־מאטערט און געפייניקט מיט אלע סאדיסטישע געשטאפא־מעטאדן, אז זיי זאלן ארויסגעבן דעם ארכיוו, אדער לכל־הפחות אויסזאגן וואו ער געפינט זיך.

קיינער פון זיי האט זיך אבער נישט איינגעבראכן. ווי אמת׳ע קדושים

האָבן זיי אריבערגעטראָגן אַלע אוממענטשלעכע פּייניקונגען מצד די דייטשע סאַדיסטן. זיי האָבן עקשנותדיק געשוויגן און מיט גרויסער העלדישקייט געוואַרט אויף זייער מאַרטירער-טויט.

די „געשטאַפּאָ" האָט דעמזעלבן טאָג, דעם 7-טן מערץ 1944, ארויסגעפירט אירע 38 קרבנות אויף די חורבות פון דער וואַרשעווער געטאָ און דאָרט זיי אַלעמען דערשאָסן.

אויף די חורבות פון געטאָ, וואו רינגעלבלום האָט במשך פון 3 און א האַלבע מלחמה-יאָרן, געפירט אן אינטענסיווע קולטור-טעטיקייט און א ברייט-פאַרצווייגטע הילפס-אַרבעט; וואו ער האָט, אין די 20 יאָר פון פוילנס אומאָפּהענגיקער מלוכה׳שער עקזיסטענץ, געשטרעבט צו א שענערן און בעסערן מאָרגן; וואו ער האָט געשאַפן קולטור-ווערטן און זיין שפּרודלדיקע ענערגיע פאַרווענדעט אינם קאַמף פאַר דער קולטורעלער דערהויבונג פון די יידישע פאָלקס-מאַסן; אויף די חורבות פון די נאַלעווקיס, גענשע און סמאָטשע, וואו עס האָט געברויזט מיט אן אייגנאַרטיקן יידישן פאָלקס-לעבן — דאָרט האָט ער אויסגעהויכט זיין שיינע און איידעלע נשמה.

עמנואל רינגעלבלום, וואס האָט שיין און ערלעך געלעבט, איז טראַגיש און ביי דראַמאַטישע אומשטענדן געפירט געוואָרן צו זיין הינריכטונג. ער איז געפאַלן מיט א העראָאישן טויט — מיט א טויט פון א קדוש, מיט א מאַרטירער-קראַנץ אויף זיין שיינעם בלאָנדן קאָפּ און מיט א פאַרגליווערטן טראַגישן שמייכל אויף זיין ליכטיקן פּנים.

די יידישע קולטור-אַרבעט אין די געטאָס פון פּוילן

צום יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ), צום יידישן פּען־קלוב, צו שלום אַש, ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, ר. מאהלער.

פון . . . און דר. עמנואל רינגעלבלום

טייערע פריינד: מיר שרייבן צו אייך אין א מאָמענט, ווען 95% פּוילישע יידן זיינען שוין אומגעקומען אין מוראדיקע פּייניקונגען אין די גאַזקאַמערן פון די עינויים-ערטער אין טרעבלינקע, סאָביבור, כעלמנא, אָשפּיצין אָדער זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן בשעת די „ליקווידיר-אַקציעס" אָן אַ צאָל אויף דעם שטח פון די געטאָס און לאַגערן. דער גורל פון דעם קליינעם טייל יידן וואס וועגעטירן נאָך און מאַטערן זיך אין דער קנאַפּער צאָל קאָנצענטראַציע-לאַגערן איז אויך באַשטימט פון פאָרויס. ס'וועט אפשר בלייבן ביים לעבן א קליין הייפל יידן וואָס פירן אן אומלעגאַל לעבן אין די „אַרישע שטאָטטיילן" אונטער דער שטענדיקער שרעק פון טויט. אָדער וואָס וואַנדערוועןן ווי געיאָגטע חיות איבער די וועלדער. צי ס'וועט איבערדויערן די מלחמה ווער עס איז פון אונדז כלל-טוערס, וואָס מיר אַרבעטן אין באַדינגונגען פון טאָפּעלער קאָנספּיראַציע, זיינען מיר אין ספק. מיר ווילן אייך דעריבער אויף דעם וועג דערציילן אין קורצע ווערטער וועגן די אַרבעטן וואס בינדן אונדז מיט אייך צום מערסטן.

אין דעם מאָמענט ווען די פּוילישע יידן זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם גרויליקן היטלעריסטישן יאָך, האָט דער יידישער אומאָפּהענגיקער נעזעלשאַפטלעכער אַקטיוו אָנגעהויבן א ברייט פאַרמאָסטענע טעטיקייט אונטערן לאָזונג פון זעלבסטהילף און קאַמף. מיט דער טעטיקער און ברייטער הילף פון „דזשאָינט" איז אויפגעשטאַנען אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ זייער א גרויסע נעץ אינסטיטוציעס פון געזעלשאַפטלעכער פאַרזאָרגונג, געפירט פון „זשטאָס" („יידישע געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג"), „צענטאָס" („צענטראַלע פאַר קינדער- און יתומים-שוץ") און „טאָז" („געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג"). דער „אָרט" האָט אויך אַנטוויקלט א היפּשע טעטיקייט. צענדליגער טויזנטער-מענטשן, דערוואַקסענע און קינדער, האָבן זיך געקענט דערהאַלטן ביים לעבן א לענגערע צייט מיט דער הילף פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס און פון א פאַרצווייגטער נעץ הויז-קאָמיטעטן וואס האָבן מיט זיי מיטגעאַרבעט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן געפירט זייער קרבנותפולע אַרבעט ביז דער לעצטער מינוט, כל-זמן עס האָט נאָך געגליט דער קלענסטער פונק לעבן

אינעם יידישן קאָלעקטיוו. אונטער זייער מאַנטל האָבן געפירט זייער קאָנ־ספּיראַטיווע טעטיקייט אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און אידעישע ריכטונגען, אונטער זייער פירמע זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן כמעט אַלע קולטור־טע־טיקייטן.

דער לאָזונג פונם יידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו איז געווען: „לעבן מיט ווערדע און שטאַרבן מיט ווערדע!" מיר האָבן זיך באמת אין די געטאָס און לאַגערן צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן לאָזונג. אַן אויסדרוק דערפון איז געווען די ברייט פאַרמאַסטענע קולטור־אַרבעט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ניט געקוקט אויפן אומגעהייערן טעראָר, הונגער און נויט און איז געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף ביזן מאַרטירער־טויט פון פוילישן יידנטום.

אין דעם מאָמענט ווען די וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן הערמעטיש פאַרשלאָסן האָט זיך געשאַפן אַן אונטערערדישע קולטור־אָרגאַניזאַציע אונ־טערן נאָמען „ייקאָר" („יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע"). זי האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, אָרגאַניזירט ציקלען וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, יובילי־פייערונגען (לכבוד פּרצן, שלום־עליכמען, מענדעלען, באָראָכאָוון און אַנדערע) און ליטעראַרישע און קינסטלערישע אונטערנעמונגען. די נשמה פונעם „ייקאָר" איז געווען דער יונגער וויסנשאַפטלער־עקאָנאָמיסט מאַגיס־טער מנחם לינדער וואָס איז דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן נאָך אין אַפּריל 1942.

אונטער דעם מאַנטל פון קינדערקיכן און היימען פון „צענטאָס" איז גע־שאַפן געוואָרן אַ נעץ אונטערערדישע שולן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. („ציש"אָ", „תרבות", „שולקולט", „יבנה", „חורב", „בית־יעקב" א"אַנד). אַ ספּעציעלע אַקטיוויטעט האָבן אַרויסגעוויזן די וועלטלעכע שולן מיט דער יידישער לערנשפּראַך. געבויט האָבן זיי די אומפאַרגעסלעכע טוערס שכנא זאַגאַן און סאָניע נאָוואָגרודזקי, וואָס ביידע זיינען זיי אוועקגעפירט געוואָרן צום טויט קיין טרעבלינקע.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָנספּיראַטיווער צענטראַלער יידישער אַרכיוו אונטער דעם אומשולדיקן נאָמען פון אַ חברה „עונג שבת". אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום, דעם שפּעטער פונעם אַרכיוו, און ביי דער אַקטיווער מיטאַרבעט פון . . . (דאָ זיינען אויסגערעכנט 6 נעמען) האָט ער געקליבן מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וואָס זיינען שייך צו דער מאַרטי־ראָלאָגיע פון יידן אין פוילן. אַ דאַנק דער אינטענסיווער אַרבעט פון אַ גרויסן שטאַב מיטאַרבעטערס זיינען אויפגעקליבן געוואָרן ביי אַ צוויי צענד־ליגג קאַסטנס מיט אומגעוויינטלעך ווערטפולע דאָקומענטן, טאָגביכער, זכרונות, רעפּאָרטאַזשן, פאָטאָגראַפיעס אאַז"וו. די אַלע מאַטעריאַלן זיינען

פארגראָבן אויף . . . ; מיר האָבן צו זיי ניט קיין צוטריט. דער גרעסטער טייל מאַטעריאַלן וואָס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד שטאַמט פון אונדזער אַרכיוו. מיר האָבן אַלאַרמירט די וועלט מיט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם גרעסטן פאַרברעך אין דער געשיכטע. מיר פירן די אַרכיוו-אַרבעט ווייטער. ניט געקוקט אויף די מוראַדיקע באַדינגונגען קלייבן מיר זכרונות און דאָקומענטן וואָס זיינען שייך צו דער מאַרטיראָלאָגיע, דעם קאַמף און די איצטיקע לעבנס-באַדינגונגען פונעם איבערבלייב פון די פוילישע יידן. אין 1941 און 1942 זיינען מיר געווען אין קאָנטאַקט מיט . . . אין ווילנע וואָס האָט אונטערן קאָנטראָל פון די דייטשן געבראַכט אין אָרדענונג די מאַטעריאַלן פון ייוואָ און א היפשן טייל פון זיי באַהאַלטן. היינט זיינען אין ווילנע שוין קיין יידן ניטאָ. דער גרויסער צענטער פון יידישער קולטור און פון מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איז אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן.

א לעבעדיקע אונטערערדישע קולטור-אַרבעט האָבן געפירט כמעט אַלע פאַרטייען און אידעישע אָרגאַניזאַציעס, ספּעציעל די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. כמעט דורך דער גאַנצער צייט וואָס די געטאָ האָט עקסיסטירט איז אַרויסגעגאַנגען אַן אונטערערדישע פרעסע, ס'זיינען אַרויס זשורנאַלן און זאַמלביכער. א ספּעציעל לעבעדיקע פרעסע-טעטיקייט האָבן געפירט די ווייטערדיקע אָרגאַניזאַציעס: דער „בונד" (בולעטין, צייטפראגן, יוגנט-שטימע, Za Naszą i Waszą Wolność, Nowa Młodzież); לינקע פועלי-ציון (פראָלעטאַרישער געדאַנק, יוגנטרוף, אַוואַנגאַרד, Nasze Hasło); דער השומר הצעיר (Jutrznia, Przewiośnie, אויפברויז און א רייי זאַמל-ביכער); דרור (דרור-ידיעות, המדריך, גבורה און פיין); רעכטע פועלי-ציון (באַפרייאונג); דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק (דער רוף); די קאָמוניסטן (מאָרגן-פרייהייט) און אַנדערע. טייל פון די דאָזיקע אויסגאַבעס וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע זיינען, ניט געקוקט אויף די אומגעהייערע שוועריקייטן פון קאָמוניקאַציע און קאָנטאַקט, פאַרשפּרייט געוואָרן כמעט אין אַלע געטאָס.

א פאַרשפּרייטע קולטור-טעטיקייט צווישן די ברייטע שיכטן קינדער און יוגנט האָט געפירט די צענטראַלע פאַר קינדער-פאַרזאָרגונג „צענטאָס" אונטער דער אָנפירונג פון . . . און פון דער אומפאַרגעסלעכער ראָזע סימכאָוויטש (געשטאָרבן פון טיפוס, זי האָט זיך אָנגענומען ביי דער אַרבעט צווישן גאַסנקינדער). מיט דער הילף פון א שטאַב לערערס, דערציערס און קינסטלערס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן הונדערטער קינדער-אונטערנעמונגען אין אינטערנאַטן, קינדער-היימען און קלובן. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן

א צענטראַלע ביבליאָטעק פאר קינדער אונטער דער אָנפירונג פון . . ., א מעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון . . . ביי דער מיטאַרבעט פון . . . (אויסגערעכנט 4 נעמען), קורסן פאר יידישער שפראַך און ליטעראַטור. ספּעציעל אין דער צייט פון די גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס פון „קינדער-חודש" זיינען פאָרגעקומען אימפּאָזאַנטע קולטורעל-קינסטלערישע אונטערנעמונגען, וואוהין עס פלעגן קומען טויזנטער צוהערערס כדי אָפּצורייסן זיך אויף א פּאָר שעה פונעם קאָשמאַר פון דער ווירקלעכקייט און פאַרברענגען אָן זאָרג מיט קינדער. אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען וואס זיינען געשטאַנען אויף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ האָבן גענומען אָן אנטייל קינדער פון די „צענטאָס"-אַנשטאַלטן און פון די שולן. היינט זיינען שוין קיין יידישע קינדער אין פּוילן ניטאָ! 99% קינדער האָבן די היטלעריסטישע פאַרברעכערס אויסגעהרגעט.

אויפן שטח פון געטאָ איז געווען טעטיק א סימפאָנישער אָרקעסטער מיטן אויסגעצייכנטן דיריגענט שמעון פולמאַן אין דער שפּיץ. שיינע סימפאָנישע און קאַמעראַלע קאָנצערטן האָבן געגעבן ווען ניט ווען מיגוטן פון אָפּרו און פאַרגעסעניש. פולמאַן און כמעט אַלע מיטגלידער פון אָרקעסטער מיטן פידלער לודוויק האָלצמאַן אין דער שפּיץ זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע. דער יינגערער קאַפּעלמייסטער מאַריאַן נויטייך איז אומגעקומען אין לאַגער אין טראַווניקי. אין געטאָ האָבן זיך באַוויזן נייע יונגע טאַלענטן. ס'האָט אויפגעשיינט ווי א מעטעאָר די פענאָמענאַלע יונגע זינגערין מאַרישאַ אייזנשטאַט, די „נאַכטיגאַל פון געטאָ", א טאָכטער פונעם דיריגענט אין דער וואַרשעווער סינאַגאָגע. זי איז דערהרגעט געוואָרן דורך די ס"ס-לייט אין דער צייט פון דער ליקווידיר-אַקציע. עס האָבן זיך געשאַפן כאָרן, ספּעציעל זיינען געשטאַנען אויף א הויכער מדרגה די קינדער-כאָרן אונטער דער אָנפירונג פון י. פייווישיס. פייווישיס איז אומגעקומען אין לאַגער אין פּאָניאַטאָוו. אַנדערע אָנפירערס פון כאָרן ווי גלאַדשטיין, זאַקס און אַנדערע זיינען אומגעקומען אין טרעבלינקע. די יידישע מאָלערס און סקולפּטאָרן וואס האָבן געלעבט אין א שרעקלעכער נויט האָבן פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט זייערע אויסשטעלונגען. צווישן אַנדערע האָט זיי אָרגאַניזירט פעליקס פרידמאַן. אַלע יידישע פּלאַסטיקערס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צום טויט קיין טרעבלינקע.

אפילו אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן פון דער ס"ס, וואוהין מען האָט אַרויסגעשיקט א געוויסן טייל יידן פון וואַרשע און אַנדערע שטעט, האָט אונדזער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַקטיוו ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן; ער איז ניט איינגעבראָכן געוואָרן און האָט אויסגעהאַלטן אויפן

פּאַסטן פון דינען דעם כלל. סיי אין פּאָניאַטאָוו און אין טראַווניקי, סיי אין אַנדערע לאַגערן איז אויפגעשטאַנען אַ קאָנספּיראַטיווע געזעלשאַפטלעכע זעלבסטהילף. פון צייט צו צייט זיינען אפילו פאָרגעקומען געהיימע קולטור-אונטערנעמונגען, פייערונגען אאז"וו. דער שטראָם פון געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט האָט געפּלייצט אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס האָט פּולסירט לעבן אין די יידישע קאָלעקטיוון. זייט ווייסן, אַז די לעצטע ביים לעבן געבליבענע טוערס זיינען ביזן לעצטן מאָמענט געווען געטריי די אידעאַלן פון אונדזער קולטור. די פאָן פון קולטור און פון קאַמף קעגן באַרבאַריזם האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט ביזן טויט.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון די מערדערישע „דעפּאָרטיר-אַקציעס" איז די אידעע פון זעלבסטהילף פאַרביטן געוואָרן דורך דער אידעע פון קאַמף. אין דער שפּיץ האָט זיך אַרויסגערוקט אונדזער העלדישע יוגנט פון אַלע ריכטונגען און דער אַרבעטער-אַקטיוו, אין דער ערשטער ריי פון די פּראָ-פּאַלעסטינישע אָרגאַניזאַציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּרעכטיקע עפּאָפּעע פונעם יידישן באַוואָפנטן קאַמף אין פּוילן: די העלדישע פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ, דער פּרעכטיקער קאַמף אין ביאַליסטאָק, די פאַרניכטונג פון די עינוויים-ערטער אין טרעבלינקע און סאָביבור, די קאַמפן אין טאַרנע, בענדין, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע פּונקטן. יידן האָבן געוויזן דער וועלט, אַז זיי קענען קעמפן מיט געווער אין די הענט, אַז זיי ווייסן ווי צו שטאַרבן מיט ווערדע אין קאַמף מיטן טויטפיינד פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אָט דאָס איז אַלץ וואָס מיר האָבן אייך געוואָלט זאָגן, טייערע פריינד. ניט קיין סך פון אונדז זיינען געבליבן ביים לעבן. פון שרייבערס לעבן, שרייבן און אַרבעטן מיט אונדז . . . (דאָ קומען 10 נעמען. דערנאָך גייען 3 נעמען פון באַוואוסטע שרייבערס וואָס זיינען דורך די דייטשן אַרויסגעפירט געוואָרן מחוץ די גרענעצן פון פּוילן). צי זיי לעבן ווייסן מיר ניט. זאָרגט פאַר זיי דורכן אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. אַ צעטל פון דעם אויסגעהרגעטן קולטור-אַקטיוו ליגן מיר ביי.

צי מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו זען מיט אייך זיינען מיר אין ספק. גיט. איבער אונדזערע הייסע גרוסן אַלע יידישע קולטור-טוערס, שרייבערס, זשורנאַליסטן, מוזיקערס, פּלאַסטיקערס, אַלע בויערס פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און קעמפערס פאַר נאַציאָנאַלער און אַלגעמיין-מענטשלעכער אויסלייזונג.

ד"ר ע. רינגעלבלום